# דרײַ לידער

## ישׂראל (סערגיי) נעקראַסאָוו

.1

אַ גוטן אָוונט, רעגן אין ניו־יאָרק,
אַ גוטן אָוונט, נאַסע טראַטואַרן.
שטיל ענטפֿערט מיר דער רעגן "אַ גוט יאָר",
די שטאָט איז רויִק, טונקל בלוי און וואַרעם.
אַ טעפּל קאַווע אין אַ פּוסטן באַר
און ווײַטער גייַן אַרום די וויסטע גאַסן.
די געלע שײַן ליגט אויפֿן טראַטואַר,
די שוואַרצע ביימער שלאָפֿן אײַן געלאַסן.
אַ מיידל קומט אַרויס פֿון דעם מעטראָ
אין בונטן קלייד, מיט לאַנגע שוואַרצע האָר,
סע שמועסן דרײַ נעגערס אויפֿן ראָג,
סע גייט איבער בראָדוויי אַ שפּעטע פּאָר.
אַ שאָד, ס'איז אויסגעגאַנגען נאָך איין טאָג
און מאָרגן וועלן קומען נײַע זאָרגן
און נײַע פֿראַגעס, נאָר דאָס וועט זײַן מאָרגן.
אַ גוטן אָוונט, רעגן אין ניו־יאָרק.

.2

אַוועקגיין איז מסתּמא אַ ביסל שווערלעך,
ניט אַזוי אָנגענעם, ווי איך וואָלט געוואָלט,
אָבער איך וואָלט געוואָלט ווידער דערהערן דאָס צווירקען פֿון שפּערלעך
און דערזען אַ ראָזעווע שטראַל אויף דעכער פֿון גאָלד.

זאָל עס זײַן, זאָל עס זײַן דער אָנהייב זומער
זאָל דער הימל זײַן ריין און העל.
דעמלט וועל איך זיך, אַ גליקלעכער און שטומער,
אויף אַ ווײַלע פֿאַרהאַלטן אויפֿן שוועל.

צוויי הונדערט צוועלף און זיבן הונדערט אַכצן.
זיי זײַנען נאָענט, ברוקלין און מאַנהעטן,
דאָס איז די זעלבע שטאָט, נאָר טייל מאָל דאַכט זיך,
זיי זײַנען צוויי פֿאַרשידענע פּלאַנעטן.

איך האָב פֿאַרלוירן דיך אין ברוקלינס ווײַ,
אין רוסישע פֿאַרשמוציקטע ראַיאָנען,
צי אינעם הייסן אָטעם פֿון סאָבוויי,
צי אין דער רוישער קילקייט פֿון וואַגאָנען.

אַ צינקענער וואַגאָן איז שוין אַוועק,
דער טאָג איז ווי אַ נעכטיקע גאַזעטע.
אַ שאָד, אַז דו וווינסט אויפֿן ווײַטן ברעג,
אויף דער כמעט פֿאַרגעסענער פּלאַנעטע.